פאַרלאַג  וואַרשע.

# בזשאַזאַ

דער באַזוך פון אונזער פאַרטרעטער אין אַמעריקע
צום צווייטן מאָל האָט אים איבערצייגט אַז דער
בוך איז ניט צוגענגליך דעם אידישן לעזער צוליב
דעם טייערן פרייז. פון היינט אָן ווערן גערעכנט
די פרייזן באַדייטנד ביליגער אַזוי ווי זיי ווערן
גערעכנט אין פוילן.

לעוו טאָלסטאָי

# מלחמה און שלום

אַ ראָמאַן אין 15 טיילן מיט עפּילאָג, ביז 2500 זייטן.

**פרייז: אנשטאַט $13.70 — $10.00**

אַלע אַנדערע ביכער ווערן אויך גערעכנט אומגעפער מיט דערזעלבער ענדערונג.
פאַר ביבליאָטעקן און בוכהענדלער גרויסער ראַבאַט!

אונזער פאַרטרעטער פאַר אַמעריקע מיט אַ שטענדיקן לאַגער:

**MAX N. MAISEL**

**424 GRAND STREET  NEW YORK**

**Telephone: Drydock 8042**

בידערמאַנ'ס
## בוך געשעפט
12טע גאַס און צווייטע עוועניו
אַ פּלאַץ וואו מען קריגט אַלע אידישע
אויסגאַבעו פון דער גאַרער וועלט, ווי אויך
ביכער אין ענגליש און אין
אַנדערע שפּראַכן.
מעסיקע פּרייזן.

פאַר טייפּרייטן מאַנוסקריפּטן
און סטענסיל אַרבעט, זעט
## פייגעל קופּער
144 צווייטע עוועניו
(שלום־עליכם אינסטיטוט בילדינג)
טעלעפאָן: אַלגאָקווין 6964,
אָדער: פאָרדהעם 5072.

די לעזער פון „אויפקום" זאָלן קומען אין
**וועגעטאַריאַנישן רעסטאָראַן,** 78 צווייטע עוועניו, צווישן 4טע און 5טע גאַסן
וואו אַלע אָפּגעקומענע און אויפגעקומענע קומען (ווי אין פּסוק שטייט „וישכם")
אַ:ן עסן אונזערע עסענס — אוממעגלאַך צו דערציילן — מ'מוז עס פאַרזוכן.

446 פינסקי־מזל פרעס, אינק., 84 באַוערי, נ. י.

# דער אויפקום

אינהאַלט:

אייק דהי וודזיפ — פּאָעמע — — — — — — — — — — — אפרים אויערבאַך
צווישען ביכער און קאָלעגן — — — — — — — — ב. י. ביאַלאָסטאָצקי
אויגן — ליד — — — — — — — — — — — — — — — — ב. לאַפּין
צוויי לידער — — — — — — — — — — — — — — — — דוד פראַם
אַ טאָג אין ניו יאָרק (פּאָעמע) — — — — — — — — — ז. וויינפּער
צי מעג אַ אידישער שרייבער זיין אַ זשורנאַליסט? — — — משה גראָס
מיין טרויער — — — — — — — — — — — — — — — ש. פּאַקס
דריי לידער — — — — — — — — — — — — — — — — א. ניסנזאָן
אין בוענאָס איירעס'ער קאַסינאָ טעאַטער — — — — — — ל. מלאַך
צוויי לידער — — — — — — — — — — — — — — — נפתלי גראָס
באַמערקונגען — — — — — — — — — — — — — — — דוד פּינסקי
ליד — — — — — — — — — — — — — — — — — — מענקע קאַץ
שייד וועג — — — — — — — — — — — — — — — — — פריידל
ווען ניט דער שניפּס (דערציילונג) — — — — — — — — דניאל טשאַרני
ליד — — — — — — — — — — — — — — — — — — י. ד. זינגער
קין — לאָרד בייראָן — — — — — — — — — — אידיש א' אייסען
די נייע העברעאישע ליטעראַטור — — — — — — — — — — — א. בלאַי
אַלע חודש — — — — — — — — — — — — — ב. לאַפּין און ז. וויינפּער
אונזערע דיכטערינס — — — — — — — — — — — — — — ז. וויינפּער
וועגן לוצקין און עפּלבוים — — — — — — — — — — — — ש. סיימאָן
אַ בריוו צו משה נאַדיר — — — — — — — — — — — — — א. ח. ביאַלין

**DER OIFKUM**

*Monthly Journal for Literature and Art*

Editors: Z. Weinper, B. J. Bialostotzky, B. Lapin

Office: 84 Bowery, New York City Phone: Canal 0318

Subscription Price: One Year, $3.00. Single Copy, 25c.

## צוויי טאָפּל-נומערן „אויפקום"

צוליב דעם, וואָס סיי די שריפטשטעלער און סיי די לעזער פונ'ם „אויפקום" זיינען אין די הייסע חדשים פאַרנומען מיט זיך אַליין, ווער אין די בערג, און ווער באַ די ים-ברעגן, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז אין די פיר הייסע חדשים זאָלן דערשיינען בלויז צוויי נומערן.

עס מיינט אָבער נישט, אַז מיר באַראַבעווען דעם לעזער.

דער היינטיקער יוני-יולי נומער האָט אנשטאט 48 זייטן, ווי געוויינלאַך, מיט 16 זייטן מערער. דאָס זעלבע וועלן מיר אויך טאָן מיט דעם קומענדיקן נומער. אויגוסט און סעפּטעמבער.

מיר ווילן אויך באַ אָט דער געלעגנהייט בעטן יעדן אַבאָנענט, וואָס בייט זיין אַדרעס אונז לאָזן וויסן וועגן דעם, ווארום מיר האָבן שוועריקייטן אינ'ם אַרויסשיקן.

## א שמחהלע לכבוד דער דערשיינונג פון י. גויכבערגס „גוט מאָרגן"

זונטיק אָוונט, דעם 1טן יולי, איז פאָרגעקומען א שיין אינטים שמחהלע, אראנזשירט פון דער פאַר-וואַלטונג פון דער שלום-עליכם פאָלק שול 12, וואו י. גויכבערג איז לערער, לכבוד דער דערשיינונג פון זיין ניי בוך קינדער לידער „גוט מאָרגן".

די שמחה איז פאָרגעקומען אין הויז פון חבר פעסטינגער, אונטער פאָרזיץ פון חבר סטאָדאָלסקי.

עס האָבן גערעדט פון דער פאַרוואַלטונג: סטאַ-דאָלסקי, דאווידאָוויטש, ברוק, חברטע מעלצער א. א. און אויך ליפּע לעהרער, ל. שפּיטאלניק און פיין. אַלע האָבן זייער שטאַרק געלויבט דאָס נייע בוך און י. גויכבער'ן, אַלס דיכטער, אַלס גוטן חבר און אי-בערגעגעבענעם לערער.

## נח נאכבוש גיט א טעאַטער-פאָרשטעלונג

נח נאכבוש, איינער פון די באַליבסטע מיטגלי-דער פון דער ווילנער טרופּע טרעט אויף שבת אָוונט, דעם 21-טען יולי, און א טעאַטער פאָרשטעלונג אין דעם פּיטיען זאַל, 2869 וועסט 21-טע גאַס, קוני איילאנד.

נח נאכבוש איז זעער באַליבט צווישען דער אי-דישער אינטעליגענץ פון ניו יאָרק סיי ווי א זייער פּאָפּולער מענטש און סיי ווי אַן איבערגעגעבע-נער פריינט צו דער אידישער קולטור, און עס איז צו האָפן, אַז דער אָוונט וועט זיין אַ דערפאָלג אין אַלע הינזיכטן.

## דיכטער יוסף ראָלניק פילט בעסער

אונזער באַליבטער דיכטער יוסף ראָלניק, וואָס איז לעצטענס געווען זייער קראַנק איז איצט פיל בעסער.

ער געפינט זיך איצט אין די בערג און אונז פרייט צו לאָזען וויסן, אַז מיר האָבן דערהאַלטן פון אים עטלאַכע מונטערע בריוולאַך, ווי אויך פיר וואונדער-לאַכע לידער, וואָס וועלן זיין געדרוקט אינ'ם קו-מענדיקן נומער.

## תקון-טעות

אין דעם ארטיקל פון ברוך גלאזמאן („אויפקום", אפּריל חודש), קאַפּיטל ב, צווייטער קאלום, אינמיטן פונם ערשטן פּאַראַגראַף, איז פון זאַץ ארויסגעפאַלן אַ גאַנצע שורה. אנשטאט זיך צו לייענען „און אויב איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אָן דער שרייבער-גרופּע וואָס קאָנצענטרירט זיך ארום דער „פריהייט", און אין דער באוועגונג א. א. וו." האָט געדאַרפט שטיין, לויטן כתב-יד:

„און אויב איך האָב מיך אָנגעשלאָסן אָן דער שרייבער גרופּע וואָס קאָנצענטרירט זיך ארום דער „פריהייט" — איז דאָס געווען דערפאַר, ח' עפּשטיין, ווייל אין דער „פריהייט", אנן אין דער באַוועגונג וואָס קאָנצענטרירט זיך אַרום איר א. א. וו.".

##ביישטייערונגען צום „אויפקום"

| | |
|---|---|
| וו. בערגער — — — — — | $25.00 |
| פּ. רויטמאַן — — — — — | 10.00 |
| מ. ל. קאפּילאָף — — — — — | 5.00 |
| | 40.00$ |

## אַ בוך קינדער-לידער פון אידע גלייזער

מען לאָזט אונז וויסן, אַז דער פארלאג מתנית וועט אינגיכן אַרויסלאָזן אַ בוך קינדער-לידער פון אידע גלאַזער מיט צייכנונגען פון קאָזלאָווסקי

## דערהאַלטען אין רעדאַקציע

„ביכער-וועלט" 3טער נומער, קולטור-ליגע, וואַר-שע, „גוט מאָרגן", קינדער לידער פון י. גויכבערג, פאַרלאַג „מתנות" נ. י. „פּנים'ער און פּנים'לאַך", זשורנאַל בוינעס איירעס, ארגענטינע. „אידישע וועלט" — חודש זשורנאַל, פארלאג „קניענדיקן" וואַרשע,, „אידישע פּערזענלאַכקייטן", ז. טיגעל, און „סטודיאָ" אַ באַנד לידער, פון ל. מאַטעס.

# דער אויפקום

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און קולטור-ענינים

רעדאַקטירט פון

ז. ווייינפּער

ב. לאַפּין ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

יוני-יולי, 1928 נומער 7-6 דריטער יאָרגאַנג

אפרים אויערבאַך

## אייק דהי ווהיפּ

ס'איז איינער נאָר געבליבן אייק דהי ווהיפּ
אַ בייטשל-פלעכטער אויף דער וועסט בראָדוויי
און אַלט איז ער, און ס'ציטערט אים אַ ליפּ,
און דין-געבויגן ווי אַ לאַנגע פּעי.

די אויגן זיינען מיד, דער קין פאַרשפּיצט,
פון גאָרגל שטעקט אַרויס אַ שאַרפער קנאָפּ,
איז קוקט ער אויס, געבויגן ווי ער זיצט,
ווי אַ צעשויבערטער פאַרדאַרטער סנאָפּ.

און ווי אַ סנאָפּ אַף אָפּגעשניטן פעלד
אַזוי איז אייק דהי ווהיפּ אַף וועסט בראָדוויי,
דאָס פּנים זיינס צעקנייטשט, פאַרגעלט,
די האָר ווי קויטיקער סוף-ווינטער שניי.

אַ מענטש איז אַכציק יאָר און העלפט דערפון
געפלאָכטן בייטשן און געטרונקען ביר
און אַז ס'איז צוגעמאַכט אַצינדערט דער סאַלון
און טרייבער עפענען נישט מער זיין טיר, —

איז ער געבליבן נאָר מיט בייטש-געפלעכט
וואָס ווינגט זיך אַף די בייכער פון די ווענט,
מיט ליידיקע פאַרברענטע טעג און נעכט
און איבעריקע אַלטע, מידע הענט.

די שווערע טראָקס צעפּאַסעווען די גאַס
און הייזעריקע האָרנס האַווקען ווי די הינט.
די שטיינער אויסגעקרימט פון ראָד און לאַסט
און הייזער זיינען גרוי און פענצטער זיינען בלינד.

אַליין איז אייק, מיט אַכציק יאָר אַליין,
מיט בילד פון ווייב אין אָפּגעגילטער ראָם
און זיבניעריק איייניקל לאָרעין
וואָס קוקט אַף אים אַ ווייסע ווי אַ לאָם.

מיט פערציק יאָר צוריק אַף וועסט בראָדוויי
האָט אייזיק רימער, אייזיק פון וואָלין,
געמאַכט אַ בייטש מיט סטענגעס אַלערליי
און שלאַנק איז זי געווען, און בייגיק-דין.

די בייטש מיט פּוזשעלע אַרויסגעשטעלט,
צו ווייב און זון געזאָגט: „אימירצעשעם,
מיר וועלן דאָ זיך בויען אַ געצעלט
און איך וועל הייסן אייק און שמעון סעם".

דאָס ווייב האָט פרום געענטפערט: „האַלעוואי,
דער אייבערשטער זאָל שיקן רו און פריד,
מיר האָבן זיך געמוטשעט אַלע דריי
און, אייזיק, דו צו פערציק יאָר ביסט מיד".

און שמעון (האָר האָט ער געהאַט ווי פלאַקס,
דאָס פּנים ברוין געווען און אָפּגעצערט)
האָט שווייגנדיק געטעסליעוועט אַן אַקס
און שטיל גע'חלום'ט פון וואָלינער ערד.

מסתמא יא.

איך האָב אָנגעשריבן אָט דעם אָפּרוף נאָכ'ן ערשטן מאָל איבערלייענען, און דאָס בוך האָט די ווערט געלייענט און איבערגעלייענט ווערן, וואָס איך וועל זיכער טאָן באַ אַן אַנדער געלעגנהייט.

דעם צוזאַמענשטעלער ע. קאַרמאַן אַ גרויסן דאַנק פאַר דער אינטערעסאַנטער קאָלעקציע און דעם שיקאַגער פאַרלעגער ל. מ. שטיין די גרעסטע אַנער־קענונג פאר מעגלאך מאַכן אָט די אַנטאָלאָגיע צו דערזען די ליכטיקע וועהט אין אַזאַ שיינער אויס־גאַבע, ווי זי איז.

דיכטער האָבן מיר גוטע, אָבער וואו נעמט מען אַ סך אַזעלכע אידן, ווי ל .מ. שטיין?

ז. ווײַנפּער

## „נעמט, עס איז גוט פאַר אייך" — 4 ביכער אין איין באַנד, פון א. לוצקי.

איך האָב זיך שטענדיג געוואונדערט; דורות פון בדחנים און מוסר זאָגער, פאַר הונדערטער יאָרן (נאָך פון די פּיטנים אָן) האָבן אידישע מחברים און בדחנים אויסגענוצט די גראַמען פון ליד ווי אַ מיטל פאַר מוסר און חכמה־זאָגעריי. די ערשטע דיכטער פון אונזער פּעריאָדע, ווי פרוג, באָוושאָווער, וויג־טשעווסקי, עדעלשטאַט, ראָזענפעלד און אין געוויסע הינזיכטן אַפילו רייזען, האָבן פאָרטגעזעצט די טראַדיציע. מיט אַ מאָל האָבן די יונגע פּאָעטן אינגאַנצן אָפּגעריסן דעם פאָדעם. אויס המשך.

און איך האָב זיך געוואונדערט; ווי איז עס מעגלאַך? איז געקומען לוצקי, ווידער אויפגעכאַפּט דעם איבערגעריסענעם פאָדים פון בדחנות.

איך וואָלט געזאָגט, אַז לוצקי איז דער בדחן דעלוקס, דער ראפינירטער, מאָדערנער אידישער בדחן. ס'איז ניט קיין חסרון. פאַרקערט, איך האַלט עס פאַר אַ מעלה.

לוצקי'ס „חתונה" איז אַ מוסטער פון אידישער טראַדיציאָנעלער פּאָעזיע, אידישן שטייגער־שרייבן

דער שרייבען מיט אַ מיין, א כונה מיט אַ רמז, אַ משל, אַ משל אין אַ משל און — פּשט.

און אַז מען וועט אָנווענדן דעם בליק אויף לוצקין וועלן אַ סך זאַכן קלאָר ווערן וועגן זיין כאַראַקטער און וועגן זיין שרייבן.

די פּרווידיאַנער זאָגן אַז עס איז ניטאָ קיין צו־פעליקעס אין אַ מענטשנס האַנדלען. און מיר מעגן דאָס אויך איבערחזר'ן...

לוצקי'ס וואולגאַרער טיטל פון בוך „קויפט, עס איז גוט פאַר אייך!" איז ניט קיין צופאַל. כאָטש די ציטאַטע איז גענומען געוואָרן פון איינע פון די לידער. עס ווייזט לוצקי'ס נאָכשלעפּעניש נאָכ'ן אַלטן אידישן מחבר. אויך לוצקי'ס שטייגער פון פאַרקויפן זיינע ביכער איז דער אופן פון אידישן מחבר...

און דערפאַר ווייל לוצקי איז אין תוך אַ המשך פון אונזערע אַמאָליקע שטעטלשע מחברים און בדחנים, וועלכע האָבן שטענדיג „פאַרפאַסט" זייערע לידער אויף צום זינגען און אימפּראָוויזירן, איז לוצקי אַמבעסטן אויך — ווען ער אימפּראָוויזירט.

אָבער ווען לוצקי הויבט אָן שרייבן פּאָעזיע, ווי „אַ זון מיט אַ רעגן" לאָזט ער מיך קאַלט. ס'איז עפּעס ניט זיינס.

זיין פעלד איז בלויז — סטיליזירטע בדחנות:

אַ גאַנצע וועלט מיט איינגעשפּאַנטע פערד
מ'שלעפּט.
אַלעמאָל שווערער.
אַ חתונה.
יאָגט זיך דאָס פעלד מיט דער וועלט
יאָגט זיך די וועלט מיט אַ פרוי,
יאָגט נאָך דער פרוי זיך אַ מאַן,
לויפט דער בית עולם נאָך זיי.
שפּילט זיך אַ קינד הינטער אים.

זייט 164

אַן אַלט בילד! אפילו די „מואווים" ווייסן שוין פון דעם. זעט וועלכע ס'איז מלחמה בילד: אַ יונג מיידל קלייבט בלומען אויף די קברים...

אָדער:

די גאַנצע וועלט דאַרף שלאָפן,
שוין נאָך אַלעמען
מ'איז שוין דאָ געווען,
אויסגעקוקט.

דאַכט זיך, אַז עס געפינט זיך עפּעס אַזאַ געדאַנק שוין אין קהלת...

ווייטער:

ער כאַפּט זיך אויף און קוקט זיך ארום
אַ דערשראָקענער
האַ! אַ וועלט! לאָזט נאָר מיך,
פּאַם פּי, פּאַם, פּיידאַם, פּיידאַם.
אַלעמאָל דאָסזעלבע.





דער הויפּט געדאַנק: „האַ, אַ וועלט! לאַכט נאָך מיך!" — איז אַ ביסעלע קלאָרער אויסגעדריקט געוואָרן פון מאַקס נאָרדוי. און באַ נאָרדוי איז עס אויך נישט ניי. דער געדאַנק איז איבערגע'חזר'ט געוואָרן טויזענטער מאָל, אָבער לוצקי האָט אים פּשוט איבערגעגעבן בילדלאַך און דערצו — פאַר'־דבקה'ט.

איר זעט ממש ווי לוצקי שטייט מיט דעם קאָפּ פאַרוואָרפן און צעגייט זיך אין התלהבות — ווי אַ בדחן — און גיט עס איבער ווי עפּעס נייעס און מיינט בפועל ממש אַז ער האָט דאָס דעם געדאַנק אַנטדעקט, און דאָס איז זיין געווינס.

זע זיין געווינס, זיין פעלד פון ראפינירטער בדחנות, — בדחנות פריי פון גראַס און אינדיווי־דועל, אידישע פּקחות, אַלטע געדאַנקען — ניי אויס־געדריקט. אַ קרומער אידישער שמייכל. לאַכנדיקע יוגנט אויגן מיט אַ ביטול פון מגיע און עט באַ־גלייט.

## אויפן שוועל. — פון ב. עפּעלבוים

„אויפן שוועל" איז אַ ראָמאַן אין דריי טיילן פון דער צייט פון בירגער־קריג אין רוסלאַנד. עפּעלבוים'ן איז גאַנץ נישטקשה'דיק געלונגען אי־בערצוגעבן די שטימונגען פון די אידן אין יענער צייט. ערטערווייז הויבט זיך אויף דער בוך אויף אַ גאַנץ קינסטלערישער הויך. ביישפּילן: די סצענע וואו די קאָמוניסטן קומען זיך צוזאַמען וועגן אַן „אָפּעראַציע" — צונעמען די מותרות (עפּעלבוים'ס אויסדרוק) פון בגדים באַ די קאַפּיטאַליסטן — די שטימונג אין זאַמל־צימער איז איבערגעגעבן געוואָרן מייסטערהאַפט — די יוגנט נעמט עס אויף ניט ווי אַ היילקע ארבעט, נאָר ווי אַ שפּיל. יוגנט בלייבט אומעטום דאָסזעלבע.

אויך די סצענע פון קאָמיטעט באַם אַלטן עטינ־גערן אין הויז איז גוט און אויסגעהאַלטן. נאָך בע־סער איז דער קאַפּיטל, ווען דוד קומט צוריק אין שטעטל ווי איינער פון דער טשעקא, צו נעמען נקמה פון די פּאָגראָמשטשיקעס. די האַנדלונג איז פאַר־כאַפּנד, שטאַרק, קאַרג אויף ווערטער, און דער גאַנ־צער קאַפּיטל איז ווי אָנגעלאָדן מיט דינאַמיט.

אָבער טראָץ די אויבנדערמאָנטע סצענעס און נאָך פיל גוטע איינצעלנע קאַפּיטלען, איז דאָס בוך אַן אַנטוישונג.

די ערשטע אַנטוישונג איז דער סטיל, ער איז אַ צייטונג־סטיל, מער רעפּאָרטאַזש, ווי קונסט. נאָך אַ גרעסערער חסרון איז וואָס אין בוך איז ניטאָ קיין צענטראַלע פיגור און צענטראַלער געדאַנק.

דער בוך הויבט זיך אָן ווען דיניקענס אַרמיי האַלט באַם פאַרלאָזן אַדעס. בליומע באַגעגנט דוד'ן ווי ער איז אַרעסטירט פון אַ אָפיציר. זעט ווי ער אַנטלויפט. נאָך אומרואיקער איז אין די שטעטלאַך. מען פּאָגראָמירט. און אין אַן אָוונט, ווי געוויינטלאַך באַ עטינגער, רעדט מען פון זייף. בליומע אַנטלויפט אין איר צימער פון עקל. דער יונגער זון, אַ צוקונפטיקער קאָמסאָלעץ רייצט זיך מיט אַלעמען — פאַלט אַריין וויקע, דוד'ס שוועסטער, פאַרשטעלט ווי אַ פויערטע אַנטלויפנדיק פון פּאָגראָם זי דערציילט אַז מען האָט דער'הרג'ט איר פאַטער און מוטער און פאַרגוואַלדעוועט די קליינע שוועסטער.

אין אַ פּאָר טעג אַרום קומען אַריין די באָלשע־וויקעס. דוד איז באַ זיי אַ גאַנצער מאַכער. בליומע ווערט אַ קאָמוניסטקע צוליב דוד'ן. אָבער דוד'ן ליגט נאָר איין זאַך אין זינען קאָמוניזם און נקמה פון די פּאָגראָמשטשיקעס. צוליב נקמה קומט ער אָן אין טשעקא. ער נעמט נקמה פון די מערדער און קומט צוריק אין שטאָט. בליומע איז אין אים פאַרליבט און דוד גייט גאָר ארום אַ פינסטערער, אַ פאַרטראַכ־טער — נאָך אַלץ פאַרליבט אין טאַניע'ן.

דערווייל רעוואָלטירן די דייטשישע פּויערים ארום אָדעס און די קאָמוניסטן שיקן ארויס אַן עקספּעדיציע באַשטראָפן זיי. דוד איז אין עקספּע־דיציע. בליומע פאָרט מיט. און דאָרטן אויפן שלאַכט פעלד ווייזט בליומע דוד'ן איר שטאַרקע ליבע צו אים. זי ווערט שווער פאַרוואונדעט און דוד דערזעט דאַן אַז ער האָט זי ליב. ס'איז אָבער צו שפּעט, זי שטאַרבט.

עפּעלבוים קאָנצענטרירט ניט זיין בוך אויפ'ן אַלטן נייעם מאָטיוו פון דער ליבע פון מיידל. די זייטיקע סצענעס און אַרומיקער לעבן נעמט באַ אים אַוועק מער פּלאַץ ווי דער הויפּט העלד און עיקר פּאַבולע. קומען טאַקע ארויס ניט מער ווי שטאַרקערע און שוואַכערע קורצע דערציילונגען פון דער רעוואָ־לוציע. אָבער — בעסער געזאָגט, קאָנצענטרירטער מאַטעריאַל צו רוסישע רעוואָלוציע פאַר אַ ראָמאַן וואָס דאַרף אָנגעשריבן ווערן.

ש' סיימאָן